ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

ישיבת רבי חיים עוזר » 347-897-9968 \ 058-323-1459

אין אידיש

ערב שב"ק פרשת

תולדות

כ"ח מרחשון שנת תשפ"ה


בס"ד

# די כח פון אחדות איז א תנאי פאר השראת השכינה און קבלת התורה!!!

## » ווי אזוי האבן יצחק און רבקה מתפלל געווען אויף מעשי נסים?!

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה (כה, כא) וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִיא וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ".

**און** לכאו' איז נישט פארשטענדליך, חז"ל זאגן דאך אונז, אז סיי רבקה און סיי יצחק זענען געווען עקרות. רבקה - שטייט קלאר אין די תורה 'כי עקרה היא', און אויף יצחק - זענען אונז חז"ל מגלה (**יבמות** סד.) אז 'יצחק איז געווען אן עקר'. איז אויב אזוי שטעלט זיך די קשיא, ווי אזוי האבן זיי מתפלל געווען צו האבן קינדער, די גמ' זאגט דאך אז מען זאל נישט מתפלל זיין אויף קיין נס, אזוי ווי די גמ' זאגט: (**ברכות** ס.) "אויב זיין פרוי איז געווען טראגעדיג, און ער האט געבעטן 'יהי רצון אז מיין פרוי זאל געבוירן א בן זכר, איז דאס א תפילת שוא, און עס העלפט נישט תפלה'.

**נאך** זעען מיר אין **מדרש** (בר"ר פרשה מ"ה אות ה', והובא ברש"י) אויף דאס וואס שרה האט געזאגט פאר אברהם (בראשית טז, ח) חֲמָסִי עָלֶיךָ, ווי פאלגענד: "רבי יודן זאגט בשם ר' יהודה בר סימון, דו האסט מיר בא'גנב'עט מיט רייד וכו', ווען דו האסט מתפלל געווען צום אייבערשטן מַה תִּתֶּן לִי וְאָנֹכִי הוֹלֵךְ עֲרִירִי (בראשית טו, ב), האסטו נישט מתפלל געווען נאר אויף דיר, און דו וואלסט געדארפט מתפלל זיין אויף אונזביידע, אזוי וואלט איך געהאלפן געווארן צוזאמען מיט דיר", און די **מתנות כהונה** איז מסביר: "דו האסט מיר בא'גנב'עט מיט ווערטער, דאס הייסט, דו האסט צוריקגעהאלטן און גע'גזל'ט פון מיר א דיבור וואס דו וואלסט געדארפט רעדן פאר מיינע'ס וועגן".

**און** מען זעהט דא א מורא'דיגע זאך, אז איינער וואס קען זאגן אדער דאווענען עפעס אויף א צווייטן און ער טוהט עס נישט, איז דאס אזוי ווי ער גזל'ט פון איהם די תפילה וואס ער וואלט געדארפט דאווענען. און אין אמת'ן דארף מען פארשטיין פארוואס ווערט דאס טאקע אנגערופן ווי א 'גזילה'.

## » די גאנצע מטרה פון זיין עקרים איז כדי זיי זאלן מתפלל זיין!!

**נאר** עס זעהט אויס, אז פשט פון דעם קען מען פארשטיין לויט די ווערטער פונעם **רבינו בחיי**, וואס האט געפרעגט אויף דעם אויבנדערמאנטן לשון הפסוק, אז לכאו' פארוואס האט די תורה געפעדערט די ווערטער פון 'ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו' און ערשט נאכדעם געזאגט 'כי עקרה היא', לכאו' וואלט די תורה געדארפט קודם כל דערציילן דעם פראבלעם אז רבקה איז געווען אן עקרה, און ערשט נאכדעם דערציילן ווי זיי האבן זיך געשטעלט דאווענען.

**ענטפערט** די רבינו בחיי, אז די תורה קומט אונז לערנען מיט דעם, אז די עיקר ציהל פון זיין עקרים איז געווען כדי זיי זאלן מתפלל זיין, דאס הייסט אז די תפילה איז דער עיקר און די עקרות איז די טפל, דעריבער האט די תורה מקדים געווען די עיקר די חלק התפלה, און ערשט נאכדעם 'כאילו' בדרך אגב דערציילט וואס האט גורם געווען אז זיי זאלן מתפלל זיין, און דאס איז וואס חז"ל הק' דרש'ענען (**תנחומא** תולדות ט') "פארוואס זענען די אמהות געווען עקרות, ווייל דער אייבערשטער גלוסט אויף זייערע תפילות, און דער אייבערשטער האט געזאגט, זיי זענען דאך רייך און זיי זענען דאך שיין, אויב וועל איך זיי געבן קינדער וועלן זיי נישט מתפלל זיין פאר מיר".

**קומט** אויס, אז די גאנצע ציהל פון די צרה איז געווען כדי צו הערן די זייערע תפלות, און אזוי ווי די משגיח **הגה"צ רבי יחזקאל זצ"ל** פלעגט זאגן, אז די וועלט מיינט אז עס איז דא א צרה דעריבער דארף מען מתפלל זיין, אבער דער אמת איז פארקערט, מען דארף מתפלל זיין, דעריבער שיקט אינטער דער באשעפער עפעס א צרה, און ווען דער מענטש וואלט מתפלל געווען אפי' אן די צרה, וואלט ער נישט געדארפט באקומען קיין צרות, נאר עס וואלט געווען מיט איהם א הנהגה פון רחמים וחסדים.

**און** לויט איהם פארשטייט מען זייער גוט ווי אזוי האבן יצחק און רבקה מתפלל געווען אויף נסים, וויבאלד דאס איז דאך געווען די עיקר ציהל פון זיין עקרים, דעריבער, אפי' טאקע אז די עצם זאך פון געבוירן - כאטש מען איז עקרים - איז א נס, מיט דעם אלעם איז שייך און מען דארף מתפלל זיין.

**און** לויט דעם אלעם איז זייער קלאר, אז וויבאלד די די גאנצע סיבה פון זיין אן עקרה איז נאר כדי מען זאל מתפלל זיין, קומט אויס אז בעצם איז די ישועה שוין אנגעגרייט, און דער אייבערשטער ווארט נאר אויס אויף די פנימיות'ידגע תפלה, קומט אויס אז מיטן נישט מתפלל זיין איז דאס כאילו מען 'גנב'עט' פונעם צווייט די זאך וואס מען וואלט ווען געקענט פויעלן ווען מען וואלט יא מתפלל געווען, און צוליב דעם האט שרה גע'טענה'ט פאר אברהם 'חומסני עליך', אז עס איז כאילו אברהם אבינו האט גע'גזל'ט פון שרה א זאך וואס איז שוין באמת געווען אנגעגרייט, און עס האט זיך פשוט אויסגעפעלט די תפלה.

**און** פון דא דארף מיר זיך לערנען די געוואלדיגע חוב וואס ליגט אויף א מענטש מתפלל צו זיין אויף א יעדע שוועריקייט וואס טרעפט אן - סיי איהם און סיי זיינע חברים און בכלל אויף גאנץ כלל ישראל, און ווער ווייסט צו מען וועט נישט האבן טענות אקעגן איהם אז ער האט בא'גנב'עט אנדערע מענטשן מיטן נישט מתפלל זיין אויף זיי ווען ער האט געקענט.

**און** אזוי שרייבט הרה"ק בעל ערבי נחל זי"ע (אנהייב פר' וארא) ווי פאלגענד: "...וואס קומט ארויס פון אונזער ווערטער, אז אמאל ווערט נישט געענטפערט א בקשה פון א מענטש גלייך, ווייל דער אייבישטער וויל אז דער מענטש זאל ממשיך זיין דאווענען פאר איהם. און מיט דעם קען מען מסביר זיין וואס דוד המלך ע"ה זאגט אין תהילים (פו, ג) חנני ה' כי אליך אקרא כל היום, וואס לכאורה די ווארט 'חנני' מיינט דאך א בקשה פו א מתנת חינם, איז אויב אזוי ווי אזוי איז ער ממשיך און זאגט 'כי אליך אקרא' וואס זעהט אויס ווי ער בעט אז דער אייבערשטער זאל איהם ענטפערן צוליב עפעס, צוליב דעם וואס ער רופט צו איהם א גאנצן טאג. און נאך איז שווער, וואס איז די לשון 'אקרא' אויף לעתיד, לכאו' וואלט געדארפט שטיין, 'קראתי' וואס איז א לשון עבר.

**נאר** דער פשט איז, אז דוד המלך האט געבעטן פון די אייבישטער 'חנני' אז ער זאל איהם גלייך ענטפערן זיין געבעט, און זיך נישט אויפהאלטן, אזוי ווי ער האלט אויף אסאך מאל די תפילות, ווייל ער וויל אז מען זאל ממשיך צו זיין דאווענען, ווייל 'כי אליך אקרא כל היום' איך וועל שפעטער סייווי ממשיך זיין צו דאווענען, אפילו נאכדעם וואס דו וועסט מיר געבן וואס איך האב דיר געבעטן. אויב אזוי האסט זיך נישט וואס צו זיך אויפהאלטן מיר ענטפערן.

**און** וועגן דעם זאגן חז"ל אין גמ' (**סנהדרין** מו:) לעולם יקדים תפלה לצרה וכו' ווייל די אייבישטער גלוסט זיך צו די תפילות פון אידן, און ווען א מענטש דאווענט נאר ווען ער דארף, ווערט אויפגעהאלטן די ענטפער כדי ער זאל דאווענען אסאך, אבער א מענטש וואס דאווענט שטענדיג, אפילו

וועו סאיז איהם נישט ענג, איז נישט דא קיין שום סיבה צו ברענגען אויף איהם שלעכטס, און אפילו אויב עס קומט יא, גייט עס באלד אוועק", עכ"ל.

**» מיטן דאווענען טוישט די אייבישטער אליין אלע כללי הטבע**

**דער רבינו בחיי** שרייבט די וואך אין פרשה ווי פאלגענד: "פון דא קען מען לערנען אויף די שטארקייט פון דאווענען, ווי גרויס דאס איז, און ס'קען משנה זיין די טבע, און וועגן דעם שטייט אין פסוק 'ויעתר יצחק' אין נישט ויתפלל אדער ויצעק או"ו אנדערע לשונות, ווייל ס'איז מלשון עתר אזוי ווי די גמרא (סוכה יד) זאגט אז די תפילה פון צדיקים איז פארגליכן צו אן עתר אזוי ווי מיט אן עתר דרייט מען איבער די תבואה פון איין פלאץ צום צווייטן אזוי אויך די תפילה פון צדיקים דרייט איבער די מיינונג פון די אייבישטער פון מידת אכזריות אויף מידת רחמנות", עכ"ל.

**און** אזוי ווערט געברענגט אין זוה"ק (ח"א קל"ו) צו טייטשן די לשון הפסוק ויעתר לו ה', ווי פאלגענד: "ער האט געדאווענט זיין דאווענען אין חותר געווען א חתירה אויבן ביז צו די מזל וואס איז ממונה אויף קינדער אין דעמאלטס ויעתר לו ה' ליין עס ויחתר לו, אז די אייבישטער האט געמאכט א חתירה און איהם אנגענומען".

**און** אזוי אויך ווערט געברענגט אין **מדרש** (בר"ר ס"ג ה') ווי פאלגענד: "ר' לוי זאגט, א משל פאר א קינד פון א קעניג וואס האט געגראבן א וועג צו זיין טאטע נעמען פין איהם א ליטרא של זהב, אין ער האט געגראבן פון אינעוויניג און דער פון אינדרויסן (ווייל אויף אראבישע שפראך רופט מען חתירה - עתירה)".

**אין** ספה"ק איז מען מסביר, אז בעצם האט רבקה נישט געקענט האבן קינדער, נאר יצחק האט זיך געשטארקט אין תפילה ביז ער האט אויפגעמאכט א פלאץ אז זיין תפילה זאל אנגענומען ווערן אין ממשיך געוועהן קינדער אנדערש פון סדרי בראשית, אבער מידת הדין האט דאס אפגעהאלטן, און וועגן דעם האט דער אייבישטער געדארפט גראבן אן עקסטערע וועג צו אנעמען די תפילה ארויס פון די גווענדליכע סדר אז די מקטריגים זאלן נישט קענען אפהאלטן פון אנעמען די תפילה

אין דאס איז פשט אין די משל וואס די מדרש ברענגט, פאר א קינד פון א קעניג וואס האט געוואלט באקומען פון אוצר המלוכה גאלד אבער מקען דאך נישט נעמען סאיז דאך דא א סדר, דערפאר גראבט די קינד פון אינדרויסן צו נעמען אן מ'זאל איהם באמערקן, און דער קעניג אליין איז מסכים זיך פירן אזוי אויך צו איהם דהיינו אז דער קעניג אליין גראבט אויך און העלפט צו די קינד דאס צו טוהן פון גרויס ליבשאפט וואס ער האט צו זיין זון.

**און** אזוי אויך איז וועגן קבלת התפילות, אז דער אייבישטער אליין כביכול איז משנה די געזעצען און ער גראבט א וועג אז די תפילות זאל קענען ארויפגיין און ווערן אנגענומען אין די מידת הדין וועט עס נישט קענען אפהאלטן

> "...ווייל די אייבישטער גלוסט זיך צו די תפילות פון אידן, און ווען א מענטש דאווענט נאר ווען ער דארף, ווערט אויפגעהאלטן די ענטפער כדי ער זאל דאווענען אסאך, אבער א מענטש וואס דאווענט שטענדיג, אפילו ווען סאיז איהם נישט ענג, איז נישט דא קיין שום סיבה צו ברענגען אויף איהם שלעכטס, און אפילו אויב עס קומט יא, גייט עס באלד אוועק..."

**» פארוואס זאגט מען די לשון "התפלל" און נישט "פילל"??**

**א** מענטש, דורכן דאווענען ווערט ער א נייע בריה און אן אנדערע מציאות, און אזוי איז מבאר די ש"ך עה"ת (מגורי האר"י אנהייב די פרשה) ווי פאלגענד: "די סיבה פארוואס רבקה איז געווען אן עקרה איז געווען כדי ער זאל דאווענען אויף איר, זי זאל ווערן א נייע בריה דורך די תפילה, וממילא איז זי שוין נישט רבקה בת בתואל ווייל די רבקה איז געווען אן עקרה אבער די נייע רבקה אויף איר שטייט 'ותהר רבקה', אין זי איז שוין נישט בת בתואל, אין דאס אלעס כדי צו ריינגן די יודישע פאלק זאל נישט האבן קיין שום שייכות צו אומות העולם, דערפאר שטייט ויעתר, אזוי ווי די עתר וואס דרייט איבער די תבואה אזוי אויך דרייט איבער די תפילה פין 'עקרה' צו 'ותהר רבקה', און לאה איז נישט געוועהן אן עקרה, ווייל דורך די בכיות וואס זי האט געוויינט אז זי זאל נישט ח"ו חתונה האבן צו עשו אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק 'ועיני לאה רכות' (להלן כ"ט י"ז) דאס האט איר איבער געדרייט צו אן אנדערע לאה. ווייל לאה פאר דעם איז גוועהן צו עשו, און נאך ווען זי האט געוויינט איז זי געווארן א אנדרע לאה וואס קען האבן קינדער", עכ"ל.

**און** מיט דעם ווערט פארענטפערט די באוואוסטע קשיא, ווי אזוי העלפט תפילה, איז דען שייך טוישן די רצון פון אייבישטער, צו טוישן די מצב פון א מענטש דורך תפילה, הרה"ק די בני יששכר זי"ע שרייבט (און מאמרי השבתות מאמר ח' ז') ווי פאלגענד:"אז די תלמידי בעש"ט שרייבן אויף דעם וואס א מענטש דורך די דאווענען איז ער זיך מדבק אין אן אנדערע מקום אז ער ווערט א נייע מענטש, און אפילו אויב איז דא א גזירה אויף דער מענטש, איז ווען ער דאווענט צו הוי"ה ב"ה וואס איז מהווה כל ההויו"ת, ווערט ער נתדבק צו א העכערע מקום און ער ווערט א נייע הוי"ה, און ס'איז נישט דא קיין שנוי רצון ווייל אויף די הוי"ה איז נישט נגזר געווארן די גזירה (און ער אליין ענטפערט אז פון אנהייב איז דער אייבישטער גוזר, אז אויב וועט ער דאווענען וועט זיך די גזירה טוישן אויף גוט'ס) און אזוי ווי די ווערטער פון בעל העקרים זי"ע (מאמר רביעי פי"ח) א משל צו א קעניג וואס האט גוזר גוועהן אז אלע וואס זענען נישט גע'מל'עט דארף מען הארגענען, ס'איז דיך פשוט אז ווער ס'וויל פטור ווערן פון מיתה גייט זיך מל'ען אז ער זאל נישט זיין פון די ערלים. די זעלבע זאך איז ווער ס'דאוונט ווערט נשתנה זיין מהות און ער איז אן אנדערע, און נישט אויף איהם איז נגזר געווארן די גזירה.

**איך** האב געזעהן אין ספר **כי אליך אתפלל** א שיינע דיוק, מזאגט אויף ווער ס'האט געדאווענט לשון פון התפלל באמת האט געפאסט צו זאגן לשון פילל, נאר די לשון איז מלשון התפעל, דהיינו אז די תפילה פועל'ט ביי א מענטש אין ער איז אליין ווערט געטוישט.

**» וואס איז געוועהן די שמחה מיט דעם אז די 'מתי מדבר' האבן אויפגעהערט צו שטארבן?!**

**די** אמת איז אז די יסוד אז א מענטש ווערט א נייע איז שוין מבואר אין תוס', ווייל די **גמרא** (ב"ב קכ"א) זאגט "האט רבן שמעון בן גמליאל געזאגט, עס זענען נישט געווען אזעלכע גרויסע ימים טובים פאר די אידן אזוי ווי חמשה עשר באב און יום כיפור וכו'", פרעגט די גמרא "בשלמא יו"כ איז א טאג פון סליחה ומחילה, און א טאג וואס איז געגעבן געווארן די לוחות אחרונות, אבער חמשה עשר באב וואס איז געוועהן", און די גמ' זאגט דארט אפאר שיטות וואס איז די סיבה פון די שמחה אום ט"ו אב און איינע פין די טעמים האט רב דימי בר יוסף א"ר נחמן געזאגט וועגן כלו בו מתי מדבר וכו'.

**אין** תוס' דארט איז מסביר, אז די שמחה איז געוועהן אז די וואס האבן געדארפט שטארבן די לעצטע יאר זענען נישט געשטארבן, נאר ס'איז בטל געווארן די גזירה פון זיי. און תוס' לייגט צו "אז ס'איז אזוי ווי מטרעפט ביי חזקיהו המלך (ברכות י.) אז דער נביא האט געזאגט 'צו לביתך כי מת אתה', און אפילו אזוי איז נתבטל געווארן די גזירה" עכ"ד התוס'.

**זעהט** מען אז מען האט געקענט מבטל זיין די גזירה אויף די דור המדבר מיט תפילה, ווייל מיט תפילה ווערט, אז זיי ווערן אנדערע מענטשן, ממילא אויף זיי איז שוין נישט געוועהן די גזירה. און אויך וואס שטייט אז 'די גאנצע דור איז געשטארבן', מיינט עס צו זאגן אז די דור המדבר זענען געשטארבן, אבער די וואס האבן מתפלל זענען שוין נישט געוועהן די דור המדבר, נאר ס'איז געווארן א אנדערע דור.